ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

## ח׳ כסלו תשס"ו

א גוט'ן ערב שבת!!

אמאל איז געווען א מענטש וואס האט מורא געהאט פון די פינסטער. איין טאג האט ער באשלאסן אז ער וועט מלחמה האלטן מיט די פינסטער. יענע נאכט האט ער ארויסגענומען א שטעקן און האט אנגעהויבן שלאגן, אבער די טונקל איז ניט אוועק. האט ער גערופען א פריינט און האט צו אים געזאגט" צוזאמען וועלן מיר טרייבן דעם פינסטער". זיי האבן געשריען און געשטויסט דעם פינסטער, אבער די טונקל האבן זיי ניט פארטריבן. .ביז איינער האט אים געגעבן א קלוגע עצה. ער האט אנגעצונדן א ליכט, און די פינסטער איז פון זיך אליין אוועק!! אזוי איז ער געווען צופרידן!! ער האט געזען ווי "מעט מן האור דוחה הרבה מן החושך" א ביסעלע ליכטיקייט טרייבט אוועק די פינסטער!

קינדער, חודש כסלו איז א חודש פון ליכטיקייט. דאס איז א צייט צו זען אז די איינציגסטע וועג אוועקצוטרייבן די פינסטערקייט פון גלות, איז צו מוסיף זיין אין "נר מצוה ותורה אור" אין טאן נאך תורה און מצוות וואס זיינען געגליכן צו ליכטיקייט. דורך דעם וועט מען זיכער ברענגן די גאולה אמיתית והשלימה נאו ממש!!

האב א גוטן שבת!

א. וועכטער

## פרשת ויצא



## לעבן מיט דער צייט

**פרשת ויצא**

אין די וואך'ס פרשה שטייט וועגן די ברכה פון ה' צו יעקב אבינו "ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה" - זאלסט זיך שטארקן און אויסשפרייטן אין אלע פיר זייטן פון וועלט. אין דעם איז פאראן אן אנוויזונג פאר קינדער אין צבאות ה'. אייער שליחות איז אויפטאן אין ווילט אז די וועלט זאל זעהן קלאר אז "מלא כל הארץ כבודו" - די גאנצע וועלט איז פול מיט'ן כבוד פון דער אויבערשטער. עס פירט זיך אין אלע ארמייען, אז עס זיינען פאראן פארשידענע אפטיילונגען וואס יעדער אפטיילונג האט א ספעציאלע ארבעט. געפינען מיר אז די צבאות ה' ווערן פארטיילט אין פיר, כנגד די פיר זייטען פון ווילט.

דאס איז פארבונדען מיט אברהם, יצחק, יעקב, און דוד וואס יעדער פון זיי איז פורבונדען מיט א באזונדערע זייט פון דער וועלט. אברהם מיט דרום, יצחק מיט צפון, יעקב מיט מזרח און דוד מיט מערב.

אזוי מיט די אמהות - פיר אמהות שרה, רבקה, רחל און לאה וואס אויך זיי זיינען כנגד די ד' רוחות - "ימה וקדמה צפונה ונגבה." וויבאלד מיר זיינען אלע קינדער פון די אבות און אמהות דארפן אלע קינדער, אינגעלאך אוך מיידלאך, לערנען פון די אבות און אמהות.

מיר זעען ביי א גשמיותדיקע ארמיי אז אמאל מאכט מען א "הויפט אטאקע" אויף איין "פראנט" - זייט.

מען זאמלט איין אלע אפטיילונגען פון דער ארמיי אויף נמצח זיין איין "פראנט" פון דער אויב. אזוי אויך איז אין דער מלחמה קעגן דער יצר הרע, אז פון צייט צו צייט דארף מען מאכן א "הויפט אטאקע" אויף איינעם פון דער זייטן פון מלחמה מיט די יצר הרע.

אמאל זאל די "הויפט אטאקע" די הויבט הויבט אנשטרענגען, זיין אין די מעשים טובים וואס תורה דערציילט וועגן אברהם אבינו און וועגן שרה אמנו, אמאל זאל דאס זיין אין די מעשים טובים פון יצחק ורבקה, און אויך בנוגע צו יעקב ולאה און דוד ורחל.

צום ביישפיל, בשעת עס קומט צוגיין אן ארעמאן און דער יצר וויל

(המשך אין עמוד 2)



## משיח נאו!

ווען דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט ער געמאכט די זון און לבנה די זעלבע גרויס. די לבנה האט געפרעגט "פארוואס זאלן מיר ביידע זיין די זעלבע גרויס?" האט דער אויבערשטער געמאכט אז די זון זאל זיין גרעסער!! אין צייט פון גאולה וועט די לבנה זיין אזוי גרויס ווי די זון איז יעצט, אבער די זון וועט זיין נאך גרעסער!!

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

# דעם חסידישן לוח



## ט׳ כסלו
## יום הולדת און יארצייט פון מיטעלען רבי׳ן

דער מיטעלער רבי - ר׳ דובער - איז געבארן געווארן צו דער אלטער רבי און רביצין סטערנא אויף ט׳ כסלו. דער מיטעלער רבי האט חתונה געהאט מיט רביצין שיינא, און ער האט געהאט צוויי זין און זיבן טעכטער. זיין טאכטער רביצין חי׳ מושקא איז געווען די רביצין פון דער צמח צדק. דער מיטעלער רבי האט פיל געארבעט פאר אידן און אידישקייט. ער האט געשריבן די ספר אמרי בינה און אסאך אנדערע ספרים.

דער מיטעלער רבי איז נסתלק געווארן אויפן טאג פון זיין יום הולדת ט׳ כסלו.

דער אויבערשטער זאגט אויף צדיקים " את מספר ימיך אמלא" איך וועל אנפילען די טעג פון דיין לעבן. פונקט ווי מען זעהט די גרויסקייט פון משה רבינו אין דעם וואס ער איז געבארן געווארן און נפטר געווארן אויפן זעלביגן טאג, זעט מען די גרויסקייט פון דער מיטעלער רבי אז ער איז געבארן געווארן און נסתלק געווארן אויפן זעלביגן טאג - ט׳ כסלו.

## י׳ כסלו
## חג הגאולה פון מיטעלען רבי׳ן

י׳ כסלו תקפ״ז, די יאר פאר די הסתלקות האט דער מיטעלער רבי געהאט זיין חג הגאולה - ער איז ארויסגעגאנגען פון תפיסה. לכבוד י׳ כסלו דעם נעקסטן יאר, האבן די חסידים געפלאנט א גרויסע פרארברענגען . אבער די טעג פארן חג הגאולה זיינען געווען זייער שווער פאר די חסידים. דער מיטעלער רבי איז ניט געווען געזונט. ווי אזוי קענען חסידים זיין צופרידן ווען דער רבי פילט ניט גוט? אבער דער רבי האט געהייסן פריילאך זיין, און די חסידים האבן געזונגען "דער רבי האט געהייסן פריילאך זיין פריילאך וועט מען זיין!!" דער מיטעלער רבי איז טאקע נסתלק געווארן ט׳ כסלו, איין טאג פארן חג הגאולה.

## י״ד כסלו
## חתונה פון דער רבי און רביצין חי׳ מושקא

י״ד כסלו האט דער רבי חתונה געהאט מיט רביצין חי מושקא שניאורסאהן - די טאכטער פון דער פריערדיקן רבי׳ן. די חתונה איז געווען אין ווארשא אין פוילן. דער רבי׳ס טאטע און מאמע האבן ניט געקענט זיין ביים חתונה, האבן זיי געמאכט ביי זיך אין שטוב א גרויסע שמחה און אסאך אידן זיינען געקומען. מען האט געטאנצט און געזונגען א גאנצע נאכט.

י״ד כסלו, 25 יאר פון זיין חתונה, האט דער רבי גערעט אויף דער טאג און האט געזאגט " דאס איז דער טאג וואס האט פארבונדן מיר מיט אייך און אייך מיט מיר!"

*(המשך לעבן מיט דער צייט)*

איינרעדן אז ער זאל אים ניט געבן קיין צדקה חס ושלום, דארף דעמאלט זיין די הויפט אנשטראנגען לויט די אנוויזונגען פון אברהם און שרה - גמילות חסדים.

נאך אביישפיל, ווען עס קומט די צייט פון דעם סדר הלימודים קומט צוגיין דיר יצר הרע און וויל אינרעדן מען זאל עס אפלייגן איוף שפעטער. איוף דער דארף זיין די "הויפט אטאקא" אויפן זייט פון יעקב און לאה - לערנען תורה, ווי עס שטייט אויף יעקב אז ער איז געווען אן "איש תם יושב אוהלים" וואס ער האט אלעמאל געלערנט תורה.

די זעלבע זאל איז מיט די עבודה פון יצחק און רבקה - דאווענען, און דוד המלך און רחל אמנו אין ענין המלכות.

מיר, טייערע קינדער דארפן זיין שטרק אין די אלע פיר זאכן און זיין גרייט אנטקעגן יעדער אטאק פון דער יצר הרע. און אויב מען וויל, און מען ארבעט שטארק אויף דעם, נין וויט נמצח זיין, "יגעתי ומצאתי תאמין!!"



# דערציילט מיר א מעשה

## א באבאווער חסיד דערציילט

"איך בין א חלק פון די אנפירערס פון א סקול אין בארא פארק. אסאך יארן צוריק בין איך געגאנגען צוזאמען מיט די אנדערע אנפירערס צום רבי׳ן אויף יחידות. מען האט געפרעגט דעם רבי׳ן אסאך שאלות, און דער רבי האט אויף אלץ געענטפערט.

17 יאר שפעטער בין איך געקומען אין 770 זונטיק צופרי צו "דאלערס". ווען איך בין אריבערגעגאנגען דורכן רבי׳ן האט דער רבי געזאגט " דו ביסט געווען ביי מיר 17 יאר צוריק!" איך האב ניט געקענט גלויבן. איך האב ניט אויסגעזען פונקט ווי איך האב אויסגעזען 17 יאר צוריק, און דער רבי זעט אזוי פיל מענטשן, ווי אזוי האט דער רבי מיר דערקענט?!"

יעמאלט האט ער פארשטאנען וואס איז א רבי...

לעילוי נשמת
**אאמו״ר הרה״ח התמים ר׳ דובער**
**בן הרה״ח ר׳ נפתלי שו״ב ע״ה יוניק**
**זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים**
נפטר ביום הרביעי, ט׳ אייר תשס״ה

TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת תולדות

פאקס צוריק די פּאפּיר צום שלוחים׳ס אופיס פאר מיטוואך,ו׳ כסלו, און דו קענסט געווינען א פרייז!

## דרגה א׳ און ב׳:

### מאך א שטרייכל צווישן די שאלה און די ענטפער:

| | |
|---|---|
| וואס איז געווען דער מיטעלער רבי׳ס נאמען? | דער אלטער רבי |
| ווער איז געווען דער מיטעלער רבי׳ס טאטע? | רביצין סטערנא |
| ווער איז געווען דער מיטעלער רבי׳ס מאמע? | ט׳ כסלו |
| ווער איז געווען דער מיטעלער רבי׳ס רביצין? | זיין חג הגאולה |
| ווער איז געווען דער מיטעלער רבי׳ס טאכטער - די רביצין פון די צמח צדק? | ר׳ דובער |
| ווער איז געווען די רבי פאר דער מיטעלער רבי? | רביצין חי׳ מושקא |
| ווער איז געווען די רבי נאך דער מיטעלער רבי? | זיין הסתלקות |
| ווען איז דער מיטעלער רבי געבארן געווארן? | רביצין שיינא |
| וואס נאך איז געשען יענע טאג? | דער צמח צדק |
| וואס איז געשען י׳׳ כסלו? | דער אלטער רבי |

## הצלחה רבה

נאמען:______________________ ווי אלט:_____

אגרעס:______________________

______________________

אימייל:______________________